# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ה' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 39 (609)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:12
מוצאי שב"ק.....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שמואל-א' ב'-ג'
בבלי.........................גיטין ל"ט
ירושלמי................תרומות ט'
תוספתא..........כלים מציעא א'
רמב"ם....תפלה וברכת כהנים א'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקַּח קֹרַח, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

רַשִׁ"י זָאגְט, וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה, קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, פַּארְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּן אַזָא שְׁטוּת? קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דֶער תֵּירוּץ, טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, אִיז עֶר אַזוֹי דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוּן שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת. וַוייל ס'זֶענֶען דָא מְחַקְרִים וָואס זָאגְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ קְלָארְקֵייט, פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט אוּן וָואס עֶס אִיז, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג. דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם אִיז אָבֶּער אַז צוּ דֶעם קֶענֶען נָאר צוּקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן, דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, וָואס זָאלְן אָבֶּער טוּן דִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן? פַּארְוָואס זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פַּארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּן דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מְ'דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ אִיז וִוי אַזוֹי עֶס אִיז, פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן דִי מִצְוֹת, נָאר פָּשׁוּט טוּן לְמַעֲשֶׂה אַלֶע מִצְוֹת, אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת י"ב, י"ג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער תַּכְלִית פוּן אַ אִיד אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן צוּ הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת, וַוייל **כִּי זֶה 'כָּל' הָאָדָם**, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשְׁן בַּאוַוייזְן, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר גָאר קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן.

מִיט חָכְמוֹת קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, דָאס נֶעמְט נָאר אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, צוּ טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אוּן וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, אוּן ס'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִילוּק פַּארְוָואס אוּן פַּארְוֶועןָ. אֲפִילוּ דִי סְפָרִים פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן טַעֲמִים אוֹיף מִצְוֹת, וִוי לְמָשָׁל דֶער סֵפֶר הַחִינוּךְ, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דִי אוֹיסְשְׁלִיסְלִיכֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, נָאר צוּ מְקָרֵב זַיין אַבִּיסְל דִי מִצְוָה צוּ אוּנְזֶער שֵׂכֶל בְּדֶרֶךְ דְּרוּשׁ, אָבֶּער דִי מִצְוָה אַלֵיין דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז אַ חֹק בְּלִי טַעַם, צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט חָכְמוֹת אִין דִי מִצְוֹת אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִיבֶּער צִי עֶר הָאט טַאקֶע יוֹצֵא גֶעוֶוען, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי מִצְוָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים, וֶועט דָאס אִים אוֹיךְ נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט צוּ טוּן אַ מִצְוָה. **דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת אִין אַ זַייט, אוּן מְ'טוּט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן מְ'פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין.**

קֹרַח אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן אַ חוֹקֵר, "קֹרַח" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי "חֵקֶר", קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט גַאנְצֶע חָכְמוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה, אוֹיבּ אֵיין פָּאדֶעם פוּן תְּכֵלֶת פַּטְר'ט דֶעם גַאנְצְן קְלֵייד, אִיז דָאךְ אַ קְלֵייד וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער פָּטוּר פוּן צִיצִית, אוֹיבּ אֵיין מְזוּזָה פַּטְר'ט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אִיז דָאךְ אַ שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים זִיכֶער פָּטוּר פוּן מְזוּזָה. פַּארְוָואס הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה אַרְבֶּעט, וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אַרְבֶּעט? דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים טַאקֶע גֶעפִירְט אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל קֹרַח תשס"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

וֶוען מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט - הָאט מֶען לֶעבְּן.

זָאג פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דַיין דָאקְטֶער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער, שְׁפֶּעטְסְטְנְס זֶעקְס אַזֵייגֶער.

אַז עֶר וֶועט דִיר פְרֶעגְן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם דָאקְטֶער, זָאג: "דָאקְטֶער לֶערְנֶער"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם דָאקְטֶער.

פִינְפֶע צַייט אָדֶער זֶעקְסֶע זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, טוּ זִיךְ אִיבֶּער דִי אַרְבֶּעטְ'ס קְלֵיידֶער אוּן טוּ זִיךְ אָן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער. זָאג פַאר דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער אַז דוּ הָאסְט אַ חֲתוּנָה, דוּ מִיט דִי תּוֹרָה גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן; גֵיי אִין שׁוּל אוּן זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, אוּן זַיי גְרֵייט אַז יֶעדְן טָאג גֵייעֶן אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ עֶרְלֶעדִיגְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן, נָאר גֵיי בַּאהַאלְט זִיךְ אִין שׁוּל מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# שְׁטַארְק וְוִי אַייזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן תַּמּוּז אִיז: זְ׳מַנֵּי תְּ׳שׁוּבָה מְ׳מַשְׁמְשִׁין וּ׳בָאִין, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גֶעבְּן אַ דֶערְוֶועק, עֶס קוּמֶען שׁוֹין דִי טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה, מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף פָאר אִיךְ דִי וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דָארְט לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן גֶעבְּן שִׁיעוּרִים. מֶען וֶועט זִיךְ גְרֵייטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה, אוּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אוּן נָאךְ - צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִיר בֶּעט אִיךְ בְּרַחֲמִים, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיקְל, אוּן דֶער רֶבִּי בֶּעט פוּן דִיר: ״הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא!״ דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד״, דִי וֶועלְט אִיז וְוִי אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, ״וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל״, דֶער עִיקָּר אִיז - מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, גֵיי אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִּית אוּן תְּפִילִּין אוּן הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי זַיין אַ אִיד; דוּ קֶענְסְט נָאךְ פוּן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן זַיין אַ אִיד, אוּן דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי בֶּעט דִיר: ״וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר, שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל״.

הָעִיקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, צָרוֹת וְיִסּוּרִים - דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יא, ה): ״׳ה׳ צַדִּיק יִבְחָן׳, הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים״, וֶוען דֶער טֶעפֶּער ווִיל בּוֹדֵק זַיין דִי כֵּלִים אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גֶענוּג שְׁטַארְק - וֶועט עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁוַואכֶע כֵּלִי אוּן קְלַאפְּן דֶערוֹיף וַוייל עֶס וֶועט זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, ״וּמִי הוּא בּוֹדֵק, בְּקַנְקַנִּים יָפִים״, עֶר נֶעמְט דִי גוּטֶע שְׁטַארְקֶע כֵּלִים, ״אֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים״, אֲפִילוּ עֶר הַאקְט אוֹיף זֵיי שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ - צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, ״כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים״, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט ״ה׳ צַדִּיק יִבְחָן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: ״הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפָה כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת״, וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס - דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, עֶס וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, ״וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת״, וְוִי מֶער מֶען קְלַאפְּט דֶערוֹיף וֶוערְט עֶס פֶּעטֶער, ״וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פוֹקַעַת״, אוּן וֶוען דִי פְלַאקְס אִיז אַ שְׁוַואכֶע - דֶעמָאלְט קְלַאפְּט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס וֶועט צוּגְרוּנְד גֵיין, ״כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים״, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט: ״ה׳ צַדִּיק יִבְחָן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: ״מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁהָיָה לוֹ שְׁתֵּי פָּרוֹת״, עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט צְוֵוי קוּעֶן, ״אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רַע״, אֵיין קוּ אִיז אַ שְׁטַארְקֶע אוּן אֵיינֶע אִיז אַ שְׁוַואכֶע, ״עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל״, אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט עֶר אַרוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט? ״לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה״, אוֹיף דִי קוּ וָואס אִיז שְׁטַארְק, ״כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים, שֶׁנֶּאֱמַר, ה׳ צַדִּיק יִבְחָן״, אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיס נָאר דִי צַדִּיקִים, עֶר ווֵייסְט אַז זֵיי הָאבְּן כּוֹחוֹת, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט צַאמְפַאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ״ג, מְצוֹרָע תשפ״ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וְוִי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?״ ״בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף״. וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער עִיקָּר אִיז דִי מוֹיל, וְוִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואוּ מֶען גֵייט, כַּאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וְוִי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?״ דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ׳ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ׳ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ׳ן וֶועג נָאךְ מֶער וְוִי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן וֶועג פוּנְקְט וְוִי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי״עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: ״וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?״ הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר רֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּטְקֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְט פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְקֶעלֶעךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶען וְוִי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה׳ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ)

## קוּק נִישְׁט

דֶער אוֹיג אִיז פוּן דִי הַאקְלְסְטֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁטוֹיבּ אָדֶער שְׁמוּץ וָואס זָאל זִיךְ דָארְט אַרֵיינְכַאפְּן, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶס אָנְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים. דָאס אִיז מִיט דִי גַשְׁמִיּוּת פוּנֶעם אוֹיג, אָבֶּער דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ אַז דִי זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ פִיל מֶער - אִיז דֶער אוֹיג זֵייעֶר הַאקְל בְּרוּחֲנִיּוּת; בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיינֶע רְאִיָּה אֲסוּרָה, בְּלוֹיז אֵיין קוּק אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, קֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֵוייטָאגְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

המשך אויף עמוד ד <<<<<

וואס "פלען איט רייט" האט ארויסגעשטעלט צו מאכן צוויי טשארטער פלייטס פון ניו יארק קיין פוילן וואס דערנאך וועט מען בעז"ה פארן מיט א טשארטער באן קיין אומאן. מיר זענען מתפלל צום אויבערשטן אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב, און מען זאל נאך אפילו קענען פארן דירעקט קיין אוקריינא, און יעדער זאל קענען איבערקומען זיינע פריוואטע מניעות.

אין די זעלבע צייט ארבעטן העפטיג עטליכע חשובע אינגעלייט פון די קהילה אז דער בנין אין אומאן זאל ווערן צוגעשטעלט מיט אלע געברויכן וואס עס פעלט נאר אויס. אין די יעצטיגע טעג טוט זיך א ריניגונג אינעם בנין, מען פרישט אלעס איבער, מען מאכט זיכער אז אלעס אויפ'ן בעסטן ארדענונג. אזוי אויך האט מען שוין אנגעצינדן די וואסער קוועלער, אזוי ווי דער בנין איז נישט פארבינדן צום שטאטישן וואסער סיסטעם, וואס קען ממילא נישט צושטעלן דעם ריזיגן כמות פון וואסער וואס ווערט פארנוצט אין די טעג פון ראש השנה, האט מען ב"ה עטליכע גוטע וואסער קוועלער, וואס מען האט שוין יעצט אנגעצינדן, און די וואסער גייט אריין אין עטליכע גיגאנטישע וואסער טענק וואס אזוי ארום וועלן די קוועלער בעז"ה קענען צושטעלן דעם ריזיגן געברויך פון אנשי שלומינו פאר'ן מקוה, שויערס, בית הכסא, נטילת ידים.

אזוי אויך מאכט מען שוין אין די טעג די באשטעלונגען פאר די עסנווארג וואס מען וועט דארפן אויף יום טוב, מען באשטעלט שוין די פלייש, פיש, פירות, ירקות, טרונקען און אזוי ווייטער, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס אנקומען פרישערהייט אין די ריכטיגע צייט פאר יום טוב, אז מען זאל קענען צושטעלן די געשמאקע יום טוב סעודות.

דער בנין אין אומאן איז א פראיעקט אין וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארייגעלייגט נאכדעם וואס מוהרא"ש ז"ע האט אים געהייסן צוזאמנעמען אנשי שלומינו מען זאל האבן א באזונדערע ווינקל פאר זיך, און מען פלעגט אויסגעבן ריזיגע געלטער יאר יערליך צו דינגען א פלאץ, וואס איז כסדר זייער שנעל אויסגעוואקסן, ביז מען האט באשלאסן אז אן אייגענע פלאץ מיט אן אייגענעם בנין וואלט געווען די פראקטישסטע און בעסטע אפציע, מען האט ב"ה מצליח געווען אפצוקויפן א שטח, וואו מען האט געבויעט דעם גרויסן בנין וואס באשטייט פון זעקס ריזיגע שטאקן, וואס כאטש מען האט געמיינט אז דאס וועט נוצן פאר לאנגע יארן, האט מען אבער קיינמאל געקענט געניסן דארט פון צופיל הרחבת הדעת, ווען כאטש מען האט כסדר צוגעבויעט יעדעס יאר נאך א שטאק און נאך א שטאק, און דערנאך האט מען צוגעלייגט נאך בעטן, איז קיינמאל געווען גענוג פלאץ פאר אלעמען, און מען האט יעדעס יאר ליידער געמוזט אפזאגן די וואס זענען געקומען נאכדעם וואס עס איז שוין נישט מעגליך געווען צוצולייגן נאך פלאץ. היי יאר פרובירט מען נאך מטכס עצה צו זיין וואס מען קען טון אנצונעמען וואס מער מענטשן, מען בעט דעם אייבערשטן און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען מצליח זיין.

אויך אנטהאלט דער בנין א ברייטע געשמאקע מקוה מיט שויערס, א קאמערציאלע קאך וואו אינגעלייט קאכן אפ אלע געשמאקע סעודות פארן ציבור. אזוי אויך אנטהאלט דער בנין א גרויסע רחבות'דיגע בית המדרש מיט הונדערטער זיצן וואו אלע קענען קומען צום דאווענען און צו די דרשות, אויך די וואס האבן נישט געקענט רעזערווירן קיין בעט וועלן קענען מיטהאלטן די ווארימע תפילות און שיינע דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א במשך די ראש השנה טעג.

מיר האפן אייך צו האלטן אינפארמירט מיט אלע אפדעיטס וואס וועלן זיך מאכן. און נישט פארגעסן צו גיסן תפילות צו יעדע געלעגנהייט מען זאל זוכה זיין צום גרויסן זכיה פון קענען קומען צום הייליגן רבין אויף ראש השנה, א זאך וואס ער האט זייער געבעטן און געמאנט, און ער האט געזאגט "קיינער טאר נישט פעלן".

**אומאן ראש השנה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מֶעג אַ גָרוּשׁ מַאכְן בַּתִּים פַאר תְּפִלִּין?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן אַ גָרוּשׁ, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶועֶרֶע דוּרְכְגַאנְג.

מֶען טְרָאגְט מִיר אָן צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ פַאבְּרִיק וואוּ מֶען מַאכְט בַּתִּים פַאר תְּפִלִּין, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ וֵוייס אָבֶער בַּיי מִיר אַז אִיךְ קֶען אַמָאל פַאלְן אִין קְדוּשָׁה, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ מֶעג גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַזַא פְּלַאץ?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דִי שְׁוֶועֶרֶע תְּקוּפָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט אַרְבֶּעטְן מִיט תְּפִילִין.

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי": קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט דָאס גֶעהֵייסְן טוּן - וֶועט עֶס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער, מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶועןְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה" וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין.

אִיךְ קֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אִין טִיפֶע בְּלָאטֶעס אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הֶענְט אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל', ד') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת - נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידּוּכִים, נֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁידּוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> המשך פון עמוד ב

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרַשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר דַּוְקָא גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָא אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט אַז דִי עִיקָר הַנָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶעבְן אִין אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וואוּ אוֹיבְן אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען דָא אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַּוְקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאלְן דִי מֶענְטְשְׁן זֶען אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה אַרַיין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער וֶועלְטְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר גְלוּסְט צוּ זֶען וִוי דִי נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיסֶער אִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ זֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, סֵיי אוֹיפְ'ן גַאס זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוּן, מַמָּשׁ וִוי דִי חַיּוֹת. וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אָן מִיט גָאר פְּרִיצוּת'דִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרוֹיעֶן. אוּן סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ דִי נֵייעֶ טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים, אַז מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס, נָאר סֵיי וואוּ אִימֶער קֶען מֶען לַיידֶער זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ, דִי נִידְרִיגְסְטֶע סָארְט בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאָס, אוּן דֶער עִיקָר צִיל וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ אִיד דַארְף אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן. עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, עֶס זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיב וֶועט עֶר פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# חומש סעודה ביי די כתה א׳ קינדער פון שטעטל

דעם זונטאג קרח איז פארגעקומען א שיינע "חומש סעודה" אין די ברסלבע חדר אין שטעטל, אין קרית ברסלב ליבערטי. די זיסע ליכטיגע קינדערלעך פון כיתה א׳ האבן געפייערט דעם פרייליכן מעמד, ווען זיי האבן זוכה געווען צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, און זיי הויבן שוין אן לערנען די הייליגע חומש.

די הערצער פון די פילע עלטערן, זיידעס און באבעס, וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביי דעם שיינעם חומש סעודה זענען געווען איבערגעפילט מיט התרגשות און נחת זעענדיג די זיסע ריינע נשמה׳לעך מיט די קרוינדעלעך אויף זייערע קעפעלעך זינגען אזוי זיס און הארציג די הייליגע ניגונים, און זאגן די הייליגע פסוקים פון פרשת ויקרא, ווי דער מנהג איז ביים מעמד התחלת חומש. צווישן די זיידעס האבן זיך אנגעזען הרה"ג ר׳ דניאל בוים שליט"א פון די חשובע תלמידים פון מוהרא"ש ז"ע, און כ"ק גאב"ד מראה יחזקאל שליט"א, וועלכע זענען געקומען שעפן נחת פון זייערע זיסע אייניקלעך.

די קינדער זענען אריינגעקומען מיט א זיסע מארש, וואס די קינדער האבן אינאיינעם געזונגען, וואס איז געווארן באגלייט דורכ׳ן מוזיקאנט מאנשי שלומינו הי"ו אברהם צוויבל הי"ו, דערנאך האט איין אינגל געפרעגט די שאלות וואס גייט מען האבן? פינף עפעלעך פינף קארעלעך?" און די קינדער האבן שיין געענטפערט זיסערהייט "פינף חומשים", און אזוי ווייטער ווי עס גייט דער נוסח, נאכדעם האבן עטליכע קינדער אינאיינעם שיין פארגעזאגט די פסוקים פון פרשת ויקרא "וידבר השם" מיט די טייטש, דערנאך האבן די קינדער געזונגען שיינע ווארעמע ניגונים איבער לערנען תורה און האבן יראת שמים ווי "והערב נא השם אלוקינו", און "אוי טאטע איך וויל זיין אן ערליכער איד", און נאך.

דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט עטליכע ווערטער, און האט ארויסגעברענגט אז די עלטערן און זיידעס בעטן דעם אויבערשטן זיי ווילן זען נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, און נחת מיינט נישט די מערסטע קיוט קינד, אדער דער קינד וואס שטייט גראד און עקט די בעסטע ביים חומש סעודה, אין דעם תלמוד תורה לייגט מען א דגוש אז די קינדער זאלן וואקסן געזונט, מען בויעט זיי מיט א שטארקע אמונה צו וויסן אז דער אויבערשטער איז אלעמאל מיט זיי, און מיט׳ן אויבערשטן קען מען אנקומען זייער ווייט. ווי שטארק מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז די ליכטיגע קינדער, קוקן נאר אויף דאס גוטס פון זיי, און אזוי זיי אויפבויען און געבן די שטארקייט אז זיי קענען זייער שיין מצליח זיין אין לעבן. דערנאך האט ער זיך באדאנקט פאר דעם געטרייען איבערגעגעבענעם מלמד מומחה הר"ר בערל שניטצלער שליט"א, וואס האט זיך אזוי שיין אפגעגעבן און געלערנט מיט די קינדער די גאנצע יאר.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א געטיילט פאר די טייערע קינדער זייער "ערשטע אייגענע סידור", וואס זיי האבן איבערגענומען מיט גרויס פרייד. און דער געטרייער מלמד הר"ר בערל שניטצלער שליט"א האט געגעבן פאר די קינדער א פעקל נאש.

**אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל תינוקות של בית רבן!**

***

# פרישע אפדעיטס פון אומאן

ווי שוין באריכטעט קענען נאך דערווייל נישט אריינפארן קיין פליגערס דירעקט קיין אוקריינא, צוליב די מלחמה צושטאנד, און מיר האבן געמאלדן די פלענער

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי׳**

**צו די אפשערן פון הילד יהונתן נ"י למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי׳**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא ברסלב**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב׳ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ׳ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זייביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**